ב"ה

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל | בני ברק

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# נִישְׁט גֶענוּמֶען דִי טֵייעֶרֶע בְּרִילְיַאנְטְן

# נִישְׁט גֶענוּמֶען דִי טֵייעֶרֶע בְּרִילְיַאנְטְן

אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוֶוען רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ, אַלֶע פַּאבְּרִיקְן אִינֶעם שְׁטֶעטְל זֶענֶען גֶעוֶוען זֵיינְס, אוּן וִוי גְרוֹיס זֵיין עֲשִׁירוּת אִיז גֶעוֶוען, אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵיין גוּט הַארְצִיגְקֵייט אוּן גוּטְסְקֵייט, מִיט זֵיין בְּרֵייטֶע הַאנְט פְלֶעגְט עֶר טֵיילְן אַסַאךְ גֶעלְט פַאר צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

אָבֶּער דָאס רֶעדְל פוּן הַצְלָחָה הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעדְרֵייט, אוּן אִין אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זֵיין גַאנְצֶע רֵייכְקֵייט, אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ אָרִימַאן. רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ זִיצְט בֵּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן טְרַאכְט וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל עֶסְן פַאר זֵיין פַאמִילְיֶע, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט צוּ אוֹיסְשְׁטְרֶעקְן זֵיין הַאנְט אוּן בֶּעטְן פוּן דִי אֵיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט, וֶוען אַלֶע גֶעדֶענְקֶען נָאךְ אַז פַאר אַ קוּרְצֶע צֵייט צוּרִיק אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶעמֶען גֶעשְׁפֵּייזְט.

הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, נָאר אַוֶועק צוּ פָארְן אוֹיף אַ וֵוייטֶע פְּלַאץ אוּן דָארְטְן פְּרָאבִּירְן זֵיין מַזָל אוּן הַצְלָחָה, אֶפְשֶׁר וֶועט עֶר דָארְטְן גְלִיקְלִיךְ וֶוערְן אוּן אַהֵיים קוּמֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶער פַארְמֶעגְן, גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּהְן..., עֶר גֶעזֶעגְנְט זִיךְ פוּן זֵיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וַואנְדֶערְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, אוּן פוּן צְוֵוייטְן צוּם דְרִיטְן, אַזוֹי אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אַפָּאר יָאר, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ לַאנְד וָואס זֶענֶען דָא אַסַאךְ בְּרִילְיַאנְטְן אוּן דִיַאמַאנְטְן..., יָא אַזוֹי וִוי דוּ הֶערְסְט, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וואוֹינֶען דָארְט טוּהְן נִישְׁט שֶׁעצְן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן טֵייעֶרְקֵייט פוּן דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, זֵיי וַוארְפְן זִיךְ אַרוּם אִין דִי גַאסְן אַזוֹי וִוי מִיסְט.

אַפָּאר יָאר אִיז רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ גֶעזִיצְן אוּן גֶעהַאנְדְלְט מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דָארְטְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּזַאם גֶענוּמֶען אַ קְלֵיינֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן הָאט גֶעטְרַאכְט אַז סְ'אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צֵייט צוּ פָארְן אַהֵיים, צוּ זֵיין מִשְׁפָּחָה, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אִיבֶּער גֶעלָאזְט מִיט אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט צוּ נֶעמֶען מִיט זִיךְ בְּרִילְיַאנְטְן אוּן דִיַאמַאנְטְן, וֵוייל בֵּיי דִי לַאנְד וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט יֶעצְט, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קֵיין וֶוערְד, אָבֶּער דָאךְ פַארְן פַארְלָאזְן יֶענֶע לַאנְד, הָאט עֶר אָנְגֶעפִילְט אַ זַאק מִיט דִי קְלֵיינֶע שְׁטֵיינֶער טְרַאכְטְנְדִיג אַז עֶר וֶועט זֵיי גֶעבְּן פַאר זֵיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁפִּילְן מִיט זֵיי.

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ גֶעבְּלָאנְדְזֶשֶׁעט, אוּן דִי שְׁפֵּייז וָואס עֶר הָאט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ הָאט זִיךְ אִיהְם גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן אוֹיךְ דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִי הוֹצָאוֹת פוּן דִי וֶועג הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט, זֶעצְט זִיךְ רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט אָן בִּיטֶערְלֶעךְ צוּ וֵויינֶען, עֶר זֶעהְט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ וִוי אַזוֹי עֶר שְׁטַארְבְּט דָא אִינְמִיטְן וֶועג אוּן זֵיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְוִויסְן פוּן דֶעם.

אַזוֹי זִיצְנְדִיג אוּן וֵויינֶען, אִיז אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נֶעבְּן אִים אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיף זֵיין פְּלֵייצֶע אַ זַאק מִיט בְּרוֹיט, הֵייבְּט זִיךְ רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ אוֹיף, לוֹיפְט צוּ יֶענֶעם דוּרְכְגֵייעֶר, אוּן בֶּעט זִיךְ בֵּיי אִים עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל בְּרוֹיט, כְּדֵי עֶר זָאל בְּלֵייבְּן לֶעבְּן, יֶענֶער דוּרְכְגֵייעֶר הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אִים צוּ גֶעבְּן, נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען פוּן אִים אַנְשְׁטָאט דִי בְּרוֹיט עֶפֶּעס אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ, רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ נֶעמְט אַרוֹיס דִי זַאק וָואס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אוּן עֶר גִיסְט זֵיי אַרֵיין אִינֶעם צְוֵוייטְנְ'ס זַאק, אוּן דֶער דוּרְכְגֵייעֶר גֶעבְּט אִים אַנְשְׁטָאט דֶעם אַבִּיסְל בְּרוֹיט.

נָאכְן וֵוייטֶער גֵיין אַפָּאר טֶעג, אִיז רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, זֵיין מִשְׁפָּחָה הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֵיי הָאבְן קוֹים גֶעוַוארְט אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זֵיינֶע פֶּעקְלֶעךְ, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶס לִיגְן דָארְט טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַ גְרוֹיסֶער פַארְמֶעגְן וָואס עֶר הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען זֵייעֶנְדִיג אִין דִי וֵוייטֶע לַאנְד, אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער הָאבְן גֶעעֶפְנְט דִי פֶּעקְלֶעךְ, אִיז זֵיי שְׁוַוארְץ גֶעוָוארְן פַאר דִי אוֹיגְן, דִי פֶּעקְלֶעךְ זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט פַארְשִׁימְלְטֶע בְּרוֹיט וָואס אִיז פַארְבְּלִיבְן אִין דִי זַאק, גְלֵייךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְן אַ גֶעוֵויין אוּן אַ גֶעשְׁרֵיי, 'אוֹיף דֶעם הָאבְן אוּנְז גֶעוַוארְט אַזוֹי פִיל יָארְן, הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל גֶעלְט', רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ הֶערְט זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן שְׁוֵויגְט, דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְן וֵוייטֶער גֶעזוּכְט אִין דִי זֶעק, אוּן הָאבְן גֶעטְרָאפְן דָארְטְן אַבִּיסְל גְלַאנְצִיגֶע שְׁטֵיינֶער, דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְן עֶס גֶעטְרָאגְן פַאר אַ סוֹחֵר פוּן דִ־יאַמַאנְטְן, אוּן זֵיי הָאבְן בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן דִי פְרֵייד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס אִין זֵייעֶר הוֹיז.

אָבֶּער דֶעמָאלְטְס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ טִיפְן קְרֶעכְץ פוּן רַבִּי יְהוּדָה לֵייבְּ'ס מוֹיל: 'וֵוי אִיז צוּ מִיר, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי לַאנְד וָואס דָארְטְן קֶען מֶען צוּזַאם נֶעמֶען טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט זֵייעֶר טֵייעֶרְקֵייט אוּן זֵייעֶר אֶמֶת'דִיגֶער וֶוערְד' אוּן שְׁפֶּעטֶער שְׁטַארְקְט זִיךְ זֵיין גֶעוֵויין 'אוּן אַפִילוּ פוּן דִי בִּיסְל שְׁטֵיינֶער וָואס אִיךְ הָאבּ יָא אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אִין זַאק, הָאבּ אִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְן פַאר אֵיינְצִיגֶע פַארְשִׁימְלְטֶע בְּרוֹיט, וָואס זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד', אוּן רַבִּי יְהוּדָה לֵייבּ עֶנְדִיגְט נִישְׁט צוּ וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אוֹיף זֵיין נַארִישֶׁער אוֹיפְפִירוּנְג.